# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל | בני ברק

## אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# דָמָא

# בֶּן נְתִינָה

# דָמָא בֶּן נְתִינָה

אִין דִי צֵייט פוּן בֵּית הַמִקְדָשׁ, אִיז גֶעוֶועט אַ גוֹי מִיטְן נָאמֶען "דָמָא בֶּן נְתִינָה", עֶר מִיט זֵיין טַאטֶע הָאבְּן גֶעהַאנְדְלְט מִיט גוּטֶע אוּן טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער.

אַמָאל הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעדַארְפְט דֶעם שְׁטֵיין "יָשְׁפֵה", אַרֵיינְצוּלֵייגְן אִין דֶעם חוֹשֶׁן פוּנֶעם כֹּהֵן גָדוֹל, הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז דָמָא הָאט דֶעם שְׁטֵיין.

זֶענֶען דִי חֲכָמִים גֶעקוּמֶען צוּ אִיהְם, אוּן אִיהְם גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווִילְן קוֹיפְן פוּן אִיהְם דִי שְׁטֵיין אוּן זֵיי וֶועלְן אִיהְם בַּאצָאלְן הוּנְדֶערְט גָאלְדֶענֶע דִינָרִים, דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט אִין יֶענֶע צֵייט, דָמָא הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייְדְט אוּן אִיז אַרוֹיף אוֹיפְן שְׁטָאק וואוּ דִי שְׁטֵיינֶער לִיגְן, אָבֶּער זֵיין פָאטֶער "נְתִינָה" אִיז דָארְט גֶעשְׁלָאפְן, אוּן זֵיינֶע פוּס זֶענֶען גֶעלֶעגְן אוֹיף דִי קַאסְטְן פוּן דִי שְׁטֵיינֶער, עֶר הָאט אִיהְם נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְוֶועקְן.

דָמָא אִיז צוּרִיק אַרָאפּ צוּ דִי חַכָמִים, אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען יֶעצְט נִישְׁט פַארְקוֹיפְן דֶעם שְׁטֵיין, וֵוייל זֵיין טַאטֶע שְׁלָאפְט דָארְטְן, הָאבְּן זֵיי גֶעמֵיינְט אַז עֶר וִויל מֶער גֶעלְט, הָאבְּן זֵיי אִיהְם גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן אִיהְם בַּאצָאלְן צְוֵויי הוּנְדֶערְט דִינָרִים, אָבֶּער דָמָא הָאט וֵוייטֶער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, הָאבְּן זֵיי אִיהְם צוּגֶעזָאגְט דְרֵיי הוּנְדֶערְט, אוּן אַזוֹי וֵוייטֶער בִּיז זֵיי הָאבְּן אִיהְם צוּגֶעזָאגְט טוֹיזְנְט גָאלְדֶענֶע דִינָרִים, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דָמָא וִויל נָאךְ אַלְץ נִישְׁט פַארְקוֹיפְן, הָאבְּן דִי חַכָמִים אִיהְם אַפְּגֶעלָאזְט אוּן זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן זֵיין שְׁטוּבּ אָן גָארְנִישְׁט.

וֶוען דָמָא'ס טַאטֶע הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, הָאט דָמָא גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי חַכָמִים דֶעם שְׁטֵיין יָשְׁפֵה, זֵיי הָאבְּן אִיהְם גֶעוָואלְט גֶעבְּן טוֹיזְנְט דִינָרִים, אָבֶּער דָמָא הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶעמֶען, נָאר הוּנְדֶערְט, אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבְּן אִיהְם גֶעזָאגְט אִין אָנְפַאנְג, עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "עֶנְק מֵיינֶען אַז אִיךְ וֶועל פַארְקוֹיפְן פַאר גֶעלְט דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זֵיין אַ

טַאטֶע", אוּן עֶר הָאט זֵיי פַארְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פַארְוָואס עֶר הָאט קוֹדֶם נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דֶעם שְׁטֵיין וֵוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיפְוֶועקְן זֵיין טַאטֶע אוּן נִישְׁט וֵוייל עֶר הָאט גֶעדַארְפְט מֶער גֶעלְט.

דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם שְׁטֵיין אוּן זֵיי הָאבְּן שְׁטַארְק בַּאוואוּנְדֶערְט וִוי אַזוֹי דָמָא בֶּן נְתִינָה אַ גוֹי אִיז מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב.

דֶער אֵייבִּישְׁטֶער הָאט בַּאצָאלְט אַ שְׂכַר פַאר דָמָא בֶּן נְתִינָה וָואס הָאט אַזוֹי שֵׁיין מְכַבֵּד גֶעוֶוען זֵיין טַאטֶע, אוּן אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער הָאט דָמָא'ס קוּה גֶעבּוֹירְן אַ "פָּרָה אַדוּמֶה", אַ רוֹיטֶע קוּה, וָואס אִיז וִויכְטִיג פַאר דִי אִידְן וָואס זֶענֶען טָמֶא גֶעוָוארְן זֵיי צוּ רֵיינִיגְן, אוּן סְ'אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַזַא קוּה.

דִי חֲכָמִים הָאבְּן עֶס אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִיהְם, אוּן בַּאצָאלְט מִיט אַזוֹיפִיל גָאלְד וִויפִיל דִי קוּה הָאט גֶעווָאוֹיגְן.

(קידושין לא.)